11 איז ווערט זיין שפּייז. און אין וועלכער שטאָט
אָדער דאָרף איר קומט אַריין, פאָרשט אויס ווער
עס האָט די ווערדע אין איר; און דאָרטן זאָלט
12 איר איינשטיין ביז איר גייט אַוועק. און אַריינקו־
מענדיק אין דעם הויז, זאָלט איר עס באַגריסן.
13 און אויב דאָס הויז איז ראוי, זאָל אייער שלום
קומען דערויף, אויב אָבער עס איז נישט ראוי
14 זאָל אייער שלום זיך אומקערן צו אייך. און ווער
עס וועט אייך נישט אויפנעמען, און נישט הערן
אייערע ווערטער, זאָלט איר אַרויסגיין פון יענעם
הויז אָדער יענער שטאָט און אָפּשאָקלען דעם
15 שטויב פון אייערע פיס! באמת זאָג איך אייך; עס
וועט זיין גרינגער פאַר דעם לאַנד פון סדום און
עמורה אינם טאָג פון משפּט, ווי פאַר יענער שטאָט.
16 זע, איך שיק אייך ווי שאָף צווישן וועלף.
זייט זשע קלוג ווי די שלאַנגען, און אָן פאַלשקייט
17 ווי די טויבן. היט זיך אָבער פאַר די מענטשן!
וואָרום זיי וועלן אייך איבערגעבן צום סנהדרין,
און אין זייערע שולן וועלן זיי אייך שמייסן מיט
18 ריטער; אַפילו פאַר מושלים און מלכים וועט מען
אייך פירן צוליב מיר, פאַר אַן עדות צו זיי און צו
19 די גוים. ווען זיי וועלן אייך אָבער איבערגעבן,
זאָלט איר נישט זאָרגן, וויאַזוי אָדער וואָס איר
האָט צו רעדן; וואָרום עס וועט אייך געגעבן ווערן
20 אין יענער שעה, וואָס איר זאָלט רעדן; וואָרום
נישט איר זענט עס, וואָס רעדן, נאָר דער גייסט
פון אייער פאָטער איז עס, וואָס רעדט דורך
21 אייך. און אַ ברודער וועט איבערגעבן אַ ברודער
צום טויט, און אַ פאָטער זיין קינד, און קינדער
וועלן אויפשטיין קעגן די עלטערן און וועלן
22 זיי טייטן. און איר וועט זיין געהאַסט פון אַלע־